בסייעתא דשמיא

# זוֹרוֹתיכז

עש״ק פ׳ בא תשפ״ו לפ״ק | גליון קי״א

נא שלא לקרותו בשעת התפלה וקריאת התורה · נא להזהר בקדושת הגליון

הגליון נתנדב ע״י:

פטרון הגליון
מוה״ר
אברהם זילבערשטיין
הי״ו
לרגל נישואי בנו למזל טוב

תשחח״ל, יהי״ר שיזכו לראות רוב נחת מכל יוצ״ח ולהתברך בכל מילי דמיטב

# ניו יארק סטעיט פארלאנגט אז געריכט זאל גענצליך ארויסווארפן "רעבעלל קלאגע"

## ברענגט ווידעראמאל ארויס ווייטאגליכע קאנסעקווענצן פון די פערל'ס קעיס

דעם פארגאנגענעם פרייטאג ווארא האט די סטעיט אטוירני דזשענעראל'ס אפיס אריינגעגעבן פאפירן צום ברוקלין סופרים קאורט, מיט א פארלאנג (מאושען) אז די געריכט זאל גענצליך ארויסווארפן די לעצטיגע אנקלאגע וואס די רשעים און שונאי ישראל אנגעפירט דורכן אדוואקאט 'רעבעלל' האבן אריינגעגעבן אנטקעגן די לעגיסלאטיווע פירערשאפט פון ניו יארק סטעיט, אונטערגעשטיצט מיט א לענגערע ענטפער אויף די רעבעלל קלאגע, פארוואס די גאנצע קלאגע איז נישט אויסגעהאלטן.

די רעדע איז פון די לעצטערע פרישע קלאגע וואס די רשעים פון יאפע"ד האבן אריינגעגעבן אנאנים, אן קיין נאמען, דורך דעם אדוואקאט רעבעלל אנטקעגן די גאווערמענט, אז זי פארגרינגערט דעם גזירת החינוך, און אנטקעגן דעם נייעם אמענדמענט אינעם געזעץ.

אין די סטעיט פאפירן ברעגען זיי ארויס פארשידענע טענות און הוכחות צו אפווארפן גענצליך די רעבעלל קלאגע, און באציען זיך אויך איבער דעם חלק פון די 'קאנסטיטוציאנאלע' קלאגעס וואס 'רעבעלל' טענה'ט אז מיט די סטעיט'ס אנגעבליכע אפשוואכן און פארגרינגערן די פארלאנגען פון 'סאבטענשאל עקוויוועלענסי', סיי דורך דעם פעלדער אמענדמענט, און סיי דורך די נייע אמענדמענט געזעץ, און אויך דורך די פעטוועיס, טוען זיי מיט דעם עובר זיין אויף זייער קאנסטיטוציאנאלע התחייבות פון צושטעלן א מעגליכקייט פון 'סאונד בעסיק עדיוקעשאן'.

אויף דעם האט די סטעיט יעצט געענטפערט, אז די אלע קאורט אורטיילן בנוגע 'סאונד בעסיק עדיוקעשאן' וואס די רעבעלל אנקלאגע האט צוגעברענגט (אויסער די פערל"ס פסק), זענען בכלל נישט רעלעוואנט צו די יעצטיגע אנקלאגע, און האבן זייער גלאטיג אויפגעוויזן אז עס האט נישט קיין שייכות אהער צו דעם איצטיגן נושא, וויבאלד יענע אלע געריכט אורטיילן זענען נאר דן איבער די התחייבות פון די סטעיט צוצושטעלן אן אומזיסטע פאבליק סקול סיסטעם און צושטעלן די נויטיגע פאנדינג דערפאר, אבער די אלע געריכטן האבן נישט נושא ונותן געווען און דערמאנען נישטאמאל אווארט בנוגע פריוואטע סקולס (מוסדות התורה).


FILED: KINGS COUNTY CLERK 01/16/2026 10:47 AM
NYSCEF DOC. NO. 60
INDEX NO. 532364
RECEIVED NYSCEF: 01/16

SUPREME COURT OF THE STATE OF NEW YORK
COUNTY OF KINGS

A.B. and C.D. by their parent and next friend, JANE ROE, E.F. by his parent and next friend, JOHN DOE, and I.J., on behalf of themselves and all others similarly situated,

Plaintiffs,

vs.

KATHY HOCHUL as Governor of the State of New York, CARL HEASTIE, as Speaker of the New York State Assembly, ANDREA STEWART-COUSINS, as Majority Leader of the New York State Senate and the STATE OF NEW YORK,

Defendants.

Index No. 532364/2025
Hon. Katherine Levine

DEFENDANTS' MEMORANDUM OF LAW
IN SUPPORT OF THEIR MOTION TO DISMISS

LETITIA JAMES
Attorney General
State of New York
*Attorney for Defendants*
28 Liberty Street
New York, NY 10005
Tel: (212) 416-8733

MATTHEW J. LAWSON
Assistant Attorney General
*Of Counsel*

1 of 31

SUPREME COURT OF THE STATE OF NEW YORK
COUNTY OF KINGS

A.B. and C.D. by their parent and next friend, JANE ROE, E.F. by his parent and next friend, JOHN DOE, and I.J., on behalf of themselves and all others similarly situated,

Plaintiffs,

vs.

KATHY HOCHUL as Governor of the State of New York, CARL HEASTIE, as Speaker of the New York State Assembly, ANDREA STEWART-COUSINS, as Majority Leader of the New York State Senate and the STATE OF NEW YORK,

Defendants.

Index No. 532364/2025
Hon. Katherine Levine

NOTICE OF MOTION
TO DISMISS

PLEASE TAKE NOTICE that, upon the accompanying memorandum of law, Affirmation of Mathew J. Lawson, dated January 16, 2026 and exhibits thereto, and upon all prior pleadings and proceedings herein, Defendants Kathy Hochul, as Governor of the State of New York, Carl Heastie, as Speaker of the New York State Assembly, Andrea Stewart-Cousins, as Majority Leader of the New York State Senate, and the State of New York (collectively, the "Defendants"), by their attorney, New York State Attorney General Letitia James, will move this Court, at IAS Part 92, 360 Adams Street, Brooklyn, New York 11201 on February 6, 2026 at 9:30 a.m., or at such other date and time as this Court may specify, for an Order pursuant to CPLR 3211(a)(7), 3211(a)(3), and 3211(a)(2) dismissing Plaintiffs' Complaint in its entirety, and with prejudice, on the grounds of failure to state a cause of action, lack of standing, and legislative immunity, and for such further relief as this Court deems just and proper.

1 of 2

FILED: KINGS COUNTY CLERK 01/16/2026 10:47 AM
NYSCEF DOC. NO. 61
INDEX NO. 532364/2025
RECEIVED NYSCEF: 01/16/2026

SUPREME COURT OF THE STATE OF NEW YORK
COUNTY OF KINGS

A.B. and C.D. by their parent and next friend, JANE ROE, E.F. by his parent and next friend, JOHN DOE, and I.J., on behalf of themselves and all others similarly situated,

Plaintiffs,

vs.

KATHY HOCHUL as Governor of the State of New York, CARL HEASTIE, as Speaker of the New York State Assembly, ANDREA STEWART-COUSINS, as Majority Leader of the New York State Senate and the STATE OF NEW YORK,

Defendants.

Index No. 532364/2025
Hon. Katherine Levine

AFFIRMATION OF MATTHEW J. LAWSON IN
SUPPORT OF DEFENDANTS' MOTION TO DISMISS

MATTHEW J. LAWSON, an attorney admitted to practice in the State of New York, affirms the following under penalty of perjury pursuant to CPLR 2106:

1. I am an Assistant Attorney General in the office of New York State Attorney General Letitia James, attorney for Defendants Kathy Hochul, Carl Heastie, Andrea Stewart-Cousins, and the State of New York (collectively, the "Defendants"). I make this affirmation based on personal knowledge in support of the Defendants' Motion to Dismiss.

2. Annexed hereto as Exhibit A is a true and correct copy of Plaintiffs' Complaint in this Action, filed on September 17, 2025 (NYSCEF Doc No. 2).

Dated: New York, New York
January 16, 2026

MATTHEW J. LAWSON

1 of 1

די איינציגסטע קאורט אורטייל וואס מען זעהט אז די סטעיט האט יא א פראבלעם דערמיט, איז די אורטייל פון די ניו יארק 'קאורט אף אפיעלס' אין די פערל'ס קעיס, וואס רעבעלל האט זיך ארויפגעכאפט אויף אויף דעם, אז אין דעם פסק האט די העכסטע געריכט אין ניו יארק צוגעברענגט עטליכע פון זייערע פארגאנגענע אורטיילן לגבי פאבליק סקולס, וואו עס זענען געווארן אוועקגעשטעלט און אויסגעקלארט עטליכע פרטים פון די סטעיט'ס קאנסטיטוציאנאלע התחייבות צוצושטעלן א פרייע סיסטעם צו ערמעגליכן א 'סאונד בעסיק עדיוקעשאן', און בהמשך צו דעם האט דער 'קאורט אף אפיעלס' יעצט ביי דעם פערל'ס פסק צום ערשטן מאל משלב געווען און צוזאמען געפלאכטן די צוויי זאכן, אז די קאנסטיטוציאנאלע התחייבות אויף די סטעיט פון צושטעלן א מעגליכקייט פון 'סאונד בעסיק עדיוקעשאן', טוט אויך אריינעמען אין זיך די חלק פון די ניו יארק סטעיט עדיוקעשאן 'געזעץ' פון 'סאבסטענשאל עקוויוועלענסי', וואס דאס האט צום ערשטן מאהל געטוישט אז דער פארלאנג פון סאבסטענשאל עקוויוועלענסי זאל נישט זיין סתם א סטעיט געזעץ, נאר זאל באקומען די שטארקייט פון א פארזעצונג אויף זייט 4

## טהרת הקודש ארגון:

# ממנו ילמדו וכן יעשו...
# ווי אזוי ענטפערט א אדמיניסטראטער

**מתוך דרשת הר"ר יצחק יונה לאנדא שליט"א חבר הנהלה, במעמד הדינער 'הפלא ופלא' שע"י מוסדות בני יואל דסאטמאר מוצש"ק וארא בק"י:**

די פארגאנגענע וואך מאנטאג האט דער חשובע געטרייע אדמיניסטראטער ערהאלטן א טעלעפאון רוף פון די וואדבערי סקול דיסטריקט ווי זיי האבן געפרעגט דעם אדמיניסטראטער אז זיי ווילן נאר זיכער מאכן צו ער האלט טאקע אהן דעם מהלך פון די לעצטע 2 יאר נישט צו קלויבן בכלל א פעטוועי, אויף וואס דער אדמיניסטראטער האט געענטפערט בלישני דלא משתמע לתרי אנפין אז "יא! מיר נעמען ווייטער נישט קיין שום פעטוועי!"

האבן זיי געפרעגט "און וואס טוט זיך בכלל בנוגע דעם געזעץ צו ווערן סאבסטענשיל עקוויוועלענט?"

האט דער אדמיניסטראטער געענטפערט "איך ווייס נישט וואס די ווארט מיינט, און איך וויל ווייטער נישט וויסן, און מיר האבן גארנישט מיט ענק!"

## געדאנקען איינשפריץ...

**פון א דרשה וואס הגה"צ רבי אפרים שטיין שליט"א מפאלטישאן, לאנג יעריגער מנכ"ל פון מוסדות סאטמאר בניו יארק געזאגט ביי א מסיבה אין לאנדאן אין פרדס זאל שנת תשע"א ווי ער האט שטארק ארויסגעברענגט די הנהגה און השקפה פון רבינו הקדוש זי"ע נישט צו נעמען קיין שום געלטער פאר זיינע מוסדות ממקורות זרים.**

**(אויסצוגן פונעם טעיפ וואס איז לעצטענס נתפרסם געווארן).**

.... זיין הדרכה איז געווען אז מיר מוזן נעמען נאר פון אזעלכע מקורות, נאר פון אייגענע, מ'טאר נישט נעמען פון קיין פרעמדע מקורות.

איינמאל, האב איך געהאט ביים רבי'ן זי"ע, ווען עס איז געווען א גרויסער גביר, א מאגנאט, וואס האט געטיילט גרויסע געלטער פאר אלע מוסדות התורה, שווערע מיליאנען, און ער האט נאר געוואלט אז סאטמאר זאל אויך נעמען.

נאר די געלטער זענען געווען איינגעטיילט: א דריטל האט ער אליין געגעבן, א דריטל האט געגעבן דער פעדערעישאן, און אן אנדערע דריטל האט געגעבן נאך אזא מין ארגאניזאציע...

ער האט געהאלטן מיך אין איין בעטן אז ער וויל אריבערקומען צום רבי'ן זי"ע און ער וויל דאס מציע זיין

דאס איז געווען תשל"ט - ווען סאטמאר וואלט דעמאלטס ווען גענומען געלד פון דעם פאנד, וואס לכאורה האט דער איד געהייסן א שומר תורה... וואלט דאס אויסגעקומען צוויי מיליאן מיט הונדערט טויזנט דאלאר יעדעס יאר. ווייל ס'איז געווען פער קאפ פון א קינד און מ'האט גארנישט געדארפט טוהן דערצו...

איך האב באלד באמערקט אויפן רבי'ן אז די שאלה האט אים נישט אזוי, ס'האט אים, ס'איז נישט געווען לפי רוחו ...

זאגט ער, "מאז ומעודי", ס'קלינגט מיר נאך יעצט אין די אויערן, די זיסע לשון: "מאז ומעודי האב איך נישט פארפעלט [ביי] א מסיבה פאר מיינע מוסדות, אז איך זאל נישט דערמאנען דעם כח הפועל בנפעל - קיינמאל נישט!".

"יעצט זאג מיר וואס דיין פראגע איז..."?

ר' עזריאל האט געזען אז ס'איז נישט גוט..., דרייט ער זיך אויס צו מיר און זאגט, נו, האסטו דיין ענטפער...

איך האב מיר גארנישט אנגערופן, אז די רבי נעמט מיר נישט אפיהר, זאל איך מיך גיין [איינ]שטעלן?...

איך בין צופרידן געווען... גיי ווייטער...

איז אבער דארט געווען אן אנדערער, א בנש"ק, וואס האט געוואלט מיטן רבי'ן ציען א שמועס, ער האט אלס געזוכט עפעס א טעמע..., זאגט ער, "אבער אפשר קען מען זאגן יש ברירה?! אז דער פאנד וואס ער וויל געבן איז דאך דריי חלקים, איין חלק געט 'ער' דאך און ער איז דאך א שומר תורה, זאל מען כאטש דעם דריטל, זאל מען קענען נעמען. די 700,000 דאלער, מ'קען דאך אויפגעראכטן ווערן פון אזא געלד..."

[האט זיך דער רבי אנגערופן צו אים], "זאג נאר, איך האב ביי דיר עפעס אמאל געבעטן א דאלער? איך האב ביי דיר אמאל געבעטן זאלסט מיר ארויסהעלפן"?! זאגט ער, "איך האב ביי דיר געזוכט אמאל אן עצה פאר מיינע מוסדות?! טוה מיר א טובה, לאז מיך מיט מיינע מוסדות, לאז מיך אפ מיט דיינע זאכן!" , זאגט ער, "יש ברירה - אין ברירה...., יא ברירה - נישט ברירה, "איך נעם נישט אזעלכע געלטער", און אזוי אפגע'פסק'נט, ...

און אויף דעם האט ער געקעמפט, ווייל דער הייליגער צדיק האט געזעהן און פארשטאנען, אז טאמער ער וועט לאזן אריינקומען א השפעה פון געלטער וואס זענען פון מקורות זרים, פון פרעמדע מקורות, חוץ פון דעם וואס די השפעה וועט חלילה מחליש זיין דעם כח הקדושה, נאר חלילה וחלילה, מי יודע ווייטער.

## מכתבים למערכת

**לכבוד די חשובע מערכת.**

ביטע אריין לייגן מיין בריוו אפשר וועט דאס העלפן מעורר זיין אפילו איין איד צו פארשטיין אז מען קען נישט וויסן און זיך בכלל פראבירן פארצושטעלן וואס עס קען נאך א ל ץ געשעהן און אפגעטוהן ווערן אויפן חשבון פון אונזערע טייערע קינדער די תינוקת של בית רבן.

**און יעצט צו די נקודה, מעשה שהיה כך היה:**

די פארגאנגענע וואך שבת בין איך געזעצן רואיגערהייט ביי די סעודה ביי מיין שווער אינדערהיים מען האט געהאלטן נאך די פיש אין אינמיטן ארומרעדן בדברי תורה פון די וואכעדיגע סדרה מען האט געהאלטן אינמיטן ארומרעדן  פון די מכות, און אינמיטן הערט מען פון דער זייט ווי איינער פון די פרויען פארציילט א מעשה וואס איז פארגעקומען מיט איר אליינס זייענדיג א טיטשער פאר קליינע קינדער אין א חסידישע מיידל סקול אין וויליאמסבורג (נאמען געהיטן אין מערכת), עס איז געווען דאס יאר פאר פרשת וירא, די מנהלת האט איר גערופן און אנגעזאגט אז זי טאר בשום אופן נישט פארציילן פאר די קינדער פון איר קלאס די מעשה פון עקידת יצחק -רח"ל- וויבאלד עס טראמעטייזט די קינדער[!]

אויב איז דאס נאכנישט גענוג, איז פאר פרשת וישב האט די מנהלת נאכאמאל גערופן די טיטשער און אנגעזאגט נישט צו לערנען מיט די קינדער פון קלאס וועגן מכירת יוסף רח"ל!

און אויב דאס איז אייך נאך אלס נישט גענוג און איר זענט נאך נישט אומגעפאלן פון בענקל, דאן הערט ווייטער די מעשה:

און די לעצטערע וואכן, פאר די סדרות וואס מען רעדט פון די מכות, האט די מנהלת ווידעראמאל גערופן די טיטשער, דאסמאל מיט אביסל א אנדערע אנזאג, אז זי מעג פארציילן פאר די קינדער אין קלאס פון די מכות אבער אויף זייער א לייכטען אופן!!...,

דאס גייט אלעס מיטן זעלבן אויסרייד אז עס דערשרעקט די קינדער..., וואס חוץ פון די טפשות און נארישקייט צו זאגן אז די קינדער דערשרעקן זיך פון די מכות וואס יעדער וואס איז נאר אמאל געווען א יונגל ווייסט אז לערנען פון די מכות איז זייער א געשמאקע לימוד, חוץ פון דעם איז דאך דאס פון די יסודות האמונה וואס אלע דורות האבן די עלטערן אריין געלייגט גרויסע כוחות אז מען זאל דייקא לערנען פון די מכות און טאקע דוקא אויף א שטארקן אופן, כדי עס זאל זיך גוט אריינזעצן אין די קינדער'ס קעפ די יסודות האמונה, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק למען תספר באזני בנך ובן בנך וכו' וידעתם כי אני ד'.

עס איז אומגלויבליך אז נישט נאר אז מען רייסט אויס די אמונה פון די לעכטיגע אומשולדיגע צאן קדשים, נאר מען לייגט פשוט נישט אריין, און מען פארהוילט פון זיי די אפילו פשוטע מינימאלע יסודות האמונה וואס די תורה זאגט אונז אז די ציל פון די אלע ניסים איז כדי מיר זאלן עס פארציילן פאר די דורות ווייטער.

עס רינט טרערן פון די אויגן ווען מען טראכט מיט וואונדער און אנגסט און די קשיא פרעגט זיך אליין אויב די מצב ביי היימישע אידן האלט שוין אזוי ווייט, וואס וועלן אונזערע קינדער פארציילן פאר זייערע קינדער, זיי ווייסן דאך נישט די פשוטע יסודות האמונה אז זיי זאלן דאס קענען איבער געבן ווייטער.

איך האף אז מיינע ווערטער וועלן אנקומען ווי עס דארף, און די אלע מוסדות וועלן זיך באזינען און אנהייבן איינזעהן און כאפן ווי ווייט מען קומט אן ווען מען נעמט געלט פון א רעגירונג וואס וויל זיך און מישט זיך בפועל אריין אין די חינוך פון די תשב"ר, דער באשעפער זאל העלפן עס זאל שוין זיין וילמדו תועים בינה און די עלטערן זאלן האבן די שטארקייט אריינצושיקן אין אזעלכע מוסדות וואס זענען אינגאנצן אפגעהאקט און האבן בכלל נישט קיין שייכות מיט די רעגירונג און מען זאל שוין זוכה זיין צו די גאולה שלימה בביאת גוא"צ בב"א. (א.ז.וו.)

# ש-ט-י-ל-ק-י-י-ט

גלייך נאך שחרית, דער טעלעפאן צוקלינגט זיך, אזא קאל - האט מען אין ווילדסטן חלום נישט ערווארטעט - נישט ביי פופציג, און זיכער נישט, וועגן אים, "ר' יאסל" איז צוזאמגעפאלן, א שווערער הארץ־אטאק ל"ע, זיי האבן אלעס געטון אים צו ראטעווען, ר' יאסל איז נישט געווען קיין קאנטראווערסיאלער מענטש, ער איז געווען דער סארט איד, אויף וועמען יעדער קוקט ארויף שטילערהייט.

אן ערנסטער תלמיד חכם, אן קיין חכמות. א מענטש וואס האט געלעבט מיט זיין שיעור קבוע יעדן פארטאגס פאר שחרית און נאָכאַמאָל אין אוונט ביז שפעט ביינאכט, א ווארעמער בעל תפלה, זיך אויפגעפירט מיט גרויס זהירות בין אדם לחבירו, זיינע קינדער, איידל און גוט ערצויגן, א ווארעמע, אפענע שטוב, ווען מען האט געזאגט "א פעסטער איד" האט מען געמיינט אזא איינער ווי ר' יאסל.

די ביטערע בשורה האט זיך שנעל פארשפרייט, מענטשן זענען געבליבן פארפרוירן און שטיל, קיינער האט נישט געוואוסט וויאזוי צו רעאגירן, פופציג יאר!, אזוי יונג!, דער עולם איז אריין אין א טיפן שאק.

דער ציבור שטראמט אין די מאסן, די גאסן ווערן שווארצער און שווארצער יעדע פארבייגייענדן מינוט, אנשים, נשים, וטף, מיט רויטע פארטרערטע אויגן, האבן זיך געגרייט אפצוגעבן דעם כבוד האחרון פארן טייערן נפש נקי וצדיק, וואס האט יעדעם אזוי פלוצלינג איבערגעלאזט.

אזא ריזן לוי' האט די שטאט שוין לאנג נישט מיטגעלעבט, איין מספיד נאכן צווייטן האט ארויסגעברענט זיין התפעלות פון דעם פרישן נפטר - אן איש אמת, א מתמיד עצום, מ'האט באוואונדערט זיינע זיידענע מידות, זיין ישרות, און קרעכצנדיג אויסגערופן "אוי מי יתן לנו תמורתו".

## אין בית דין של מעלה

ר' יאסל עפנט די אויגן - נישט צו א וועלט פון פחד, נאר צו א וועלט פון ליכטיגקייט, פון קלארקייט - א ריינע וועלט, "עולם האמת", קיין צומושעניש, קיין פאניק, קיין פאליטיק, קיין דיפלאמאטישע דריידלעך - בלויז ריין אמת.

מען פירט ר' יאסל'ען אריין אין א בית דין שטוב, נישט אנדערש ווי אלעס וואס ער האט זיך פארגעשטעלט, און פונקט אזוי ווי מען האט אים געלערנט.

די שאלות הייבן זיך אן רואיג, אן דרוק: קבעת עתים לתורה? יא, נשאת ונתת באמונה? יא, האסטו געדאווענט מיט כוונה? איך האב שטארק פרובירט, האסטו זיך געקריגט מיט מענטשן? איך האב זיך געהיטן, ווען איך בין דורכגעפאלן האב איך געבעטן מחילה.

די תשובות, איינס ביי איינס, זענען באלאנסירט - נישט מיט געפיל, נאר מיט אמת. מ'נישטערט, מ'זוכט, מ'נעמט אפיר זיין גאנץ לעבן עלי אדמות, מ'טרעפט נישט קיין עוולות אדער עפעס ערנסטע עבירות וואס ער איז באגאנגען.

די מסקנה איז קלאר: ר' יאסל האט אפגעלעבט א לעבן ווי אן אמת'ער ערליכער איד, ס'איז געווען פעסטע שאיפות, עמל ויגיעה, קדושה און יראה, אויסגעצייכנט, סיי בין אדם לחבירו און סיי בין אדם למקום.

אבער דאן...

פאסירט פלוצלונג א דראסטישע טויש אין דעם טאן. א טויש אין די 'טיפקייט' פון די שטימע.

## איינער פון די דיינים רופט זיך אן:

ר' יאסל דו האסט געלעבט אויף די ערד קוגל אין די שטורעמישע תקופה ווען די יסודות פון ריינע תורה־חינוך אין דער לאנד וואו דו האסט געוואוינט און מחנך געווען דיינע קינדער זענען געווען אונטער א קלארע סכנת קיום, ווייסטו פון וואס איך רעד?

יא

האסטו פארשטאנען אז די גזירות זענען נישט געווען קליינע ענינים נאר יסודותדיג - אז גוי'אישע אויטאריטעטן קענען באקומען שליטה אויף דיינע קינדער און אויפן המשך הדורות?

יא

האסטו פארשטאנען די חומר המצב?

יא

וואס האסטו געטוהן?

ר' יאסל ענטפערט פונקטליך: איך האב געזאגט תהילים ווען מען האט געהייסן, איך האב זיך פארלאזט אויף די מאכערס, איך האב נישט פראטעסטירט - איך בין נישט קיין פראטעסטירער, איך האב נישט געשריבן - איך בין נישט קיין שרייבער. איך בין א פשוט'ער איד, איך האב אנגענומען אז די העכערע האנדלען שוין דערמיט.

די ווערטער זענען געמאסטן און איידל, אבער דער טאן ווערט שטארקער.

דער צווייטער דיין שטעלט פאר א שאלה וואס האט געשניטן די לופט:

ווען די גזירות זענען געשטאנען ביים שוועל פון אדורכגעפירט ווערן - האסטו געשוויגן?

יא

האט דיין שווייגן אין אזא צייט געמיינט הסכמה?

איך האב דאס נישט געמיינט.

דאס איז נישט די שאלה.

ש-ט-י-ל-ק-י-י-ט.

## דער דריטער דיין - א טרוקענער פסק דין:

דו ביסט נישט אנגעקלאגט אין מרידה, דו ביסט נישט אנגעקלאגט אין כפירה, דו ביסט נישט אנגעקלאגט אין רשעות. **אבער דו ביסט אנגעקלאגט אין אוועקווארפן אחריות. דער באשעפער האט דיר איבערגעגעבן זיינע קינדער אלס א פקדון, אז דו זאלסט זיי גוט אפהיטן, און דו האסט זיי מפקיר געווען. די סכנה איז געווען אפן און באוואוסט, די תוצאות - קלאר, און דו האסט אויסגעקליבן "שטילקייט"???!!!**

ר' יאסל האט אנגעהויבן זיך צו פארטיידיגן - יעצט שוין אונטער א לחץ.

וואס קען איך דען טוהן? איך בין איין מענטש... אנדערע האבן געטוהן, איך האב זיי נישט אפגעהאלטן.

"און דאס" זאגט דער דיין, "איז פונקטליך דער פראבלעם!!!".

## דער פסק דין

דער בית דין של מעלה אנערקענט דיין יגיעה בתורה, דיינע הארציגע תפילות, דיין צדקה וחסד. **אבער, ווען א גזירה שטעלט אין סכנה א יחיד - קען שווייגן זיין פוילקייט. ווען זי שטעלט אין סכנה א גאנצע דור, איז שווייגן א השתתפות. רעגירונגען ליינען נישט הערצער. זיי ליינען התנהגות. זיי מעסטן נישט פחד, זיי מעסטן התנגדות. דיין שטילקייט, איז געציילט געווארן, דיין שווייגן, איז אנגעמערקט געווארן, דיין הסכמה, איז פארשריבן געווארן. דאס שווייגן, האט געשריגן העכער ווי אלע שילדן. דו האסט געזאגט: מיר ווען עס אויסהאלטן. דו האסט געזאגט, עס וועט גארנישט געשען. דו האסט געזאגט צו דיינע קינדער און אייניקלעך: עס איז נישט אזוי וויכטיג. דו האסט געלעבט אין דער שעה וואס האט פארלאנגט א שטימע. דאס איז נישט קיין פערזענליכע דורכפאל. דאס איז א דורכפאל פארן עתיד פון המשכת הדורות.**

### אונטן אויף דער וועלט

די שבעה איז פארביי, דאס לעבן גייט ווייטער - קינדער צוריק אין חדר, צייטונגען שרייבן ווייטער. ר' יאסל'ס פלאץ אין שול איז געווארן פארנומען. אבער עפעס איז געבליבן ליידיג.

די שאלה וואס קיינער זאגט נישט הויך: **אויב דאס איז פארלאנגט געווארן פון אים - וואס פארלאנגט זיך פון מיר? ווייל בית דין של מעלה איז נישט דן כוונות אליין, זיי זענען דן אויף שעות, מאמענטן, מצבים. און יעצט לעבן מיר אין אזא מצב.**

**שווייגן - אפילו ס'איז שיין און בכבוד'יג, מיינט עס נאך אַלץ - אַן הסכמה.** ■

פארזעצונג פון זייט 1

'קאנסטיטוציאנאלע רעכט', און דורכדעם האט רעבעלל אויפגעבויט א קאנסטיטוציע קלאגע אקעגן די סטעיט, אז מיט די סטעיטס אנגעבליכע אפשוואכן טוען זיי פארלעצן זייער קאנסטיטוציאנאלע התחייבות פון צושטעלן א מעגליכקייט פון 'סאונד בעסיק עדיוקעשאן'.

אט דער פסק ביי דעם פערל"ס קעיס, איז די איינציגסטע קאורט אורטייל וואס מען זעהט אז די סטעיט האט יא א פראבלעם דערמיט, און די סטעיט פרובירט דאס צו פארווישן, זאגנדיג אז די 'קאורט אף אפיעלס' האט נישט עכט געמיינט צו מאכן די חיוב פון 'סאבסטענשאל עקוויוועלענסי' אלץ א חלק פון די קאנסטיטוציאנאלע התחייבות אויך כלפי פריוואטע סקולס, וויבאלד די קלאגע איז נישט געווען באזירט אויף דעם, ממילא האט דער געריכט האט נישט ממש דאס געמיינט, נאר אראפגעברענגט די 'סאונד בעסיק עדיוקעשאן' קאנסטיטוציאנאלע התחייבות בדרך אגב.

און בכלל טענה'ט די סטעיט, אז א קאנסטיטוציאנאלע קלאגע מכח די התחייבות פון 'סאונד בעסיק עדיוקעשאן', קען מען נאר אריינגעבן אויב מען קען אויפווייזן אז די סטעיט האט פארנאכלעסיגט זייער התחייבות איבער א גאנצע סקול דיסטריקט.

ווי אויך ברענגט די סטעיט ארויס, אז אפילו לויט זייער אנגעגעבענע קאנסטיטוציאנאלע קלאגעס, האבן אבער די אנקלעגער נישט געברענגט קיין שום באווייזן צו פארבינדען די אלע סטעיט געזעצן פון פעלדער\נייע אמענדמענט\פעטוועיס, אז דאס איז טאקע געווען דער גורם פון די שוואכע חינוך רעזולטאטן וואס זיי טוען יעצט פארשטעלן אז מיט דעם פארלעצט מען זייערע קאנטיטוציאנאלע רעכטן, און אדרבה אין זייער אנקלאגע זענען זיי מודה אז די אלע שוואכע חינוך רעזולטאטן גייען שוין אן פאר יארן לאנג אין די ישיבות, נאך סאך פאר די אלע געזעצן או רעגולאציעס.

זיי גייען אויך אריין אין נאך פארשידענע לעגאלע דיונים צו אויפווייזן אז די גאנצע רעבעלל אנקלאגע איז נישט אויסגעהאלטן צוליב פארשידענע לעגאלע פרעצעדענטן וואס די אנקלאגע קומט נישט נאך, און זיי ברענגען דערויף באווייזן פון פארשידענע אנדערע געריכט אורטיילן.

אויך ברענגען זיי ארויס נאך טעכנישע סיבות צוליב וואס די קלאגע דארף ווערן ארויסגעווארפן, איין סיבה איז, היות איינער פון די אנקלעגער האט נישט קיין סטענדינג אין דעם קעיס, וויבאלד ער האט שוין גראדואירט און ער האט אויך נישט קיין קינדער אין קיין מוסדות, און צווייטענס, טענה'ן זיי אז לעגאל קען מען נישט אנקלאגען די לעגיסלאטיווע פירער אויף געזעצן וואס זענען באשטימט געווארן אינעם סטעיט אסעמבלי\סענאט, דעריבער האט די אנקלאגע וואס איז אקעגן די גאווערנער און די פירער פון אסעמבלי און סענאט פערזענליך נישט קיין לעגאלע תוקף, און דארף דעריבער ווערן ארויסגעווארפן.

עס קומט ליידער נאכאמאל ארויף אויפן אויבערפלאך דער שאדן פון דעם פערל"ס ארגעניזאציע און זייער מהלך, ווען בלויז צוליב דעם פערל"ס קעיס איז יעצט פארקניפט געווארן די נושא פון סאבסטענשאל עקוויוועלענסי 'געזעץ' מיט די 'קאנסטיטוציאנאלע רעכט' פון 'סאונד בעסיק עדיוקעשאן'.

די אנקלעגער -רעבעלל- האבן צייט ביז קומענדיגע וואך פרייטאג פר' בשלח צו ענטפערן צוריק צו ענטפערן אויף די סטעיט פאפירן, און די געריכט האט באשטימט דעם דאטום פון (פעב. 25 למספ') מיטוואך פרשת תצוה, וואס מען האט שוין געהאט פון פריער באשטימט אז עס זאל דעמאלס פארקומען די הירינג דן צו זיין איבער דיביידע מאושענס פון די אדוואקאטן (בארשאוו און שיק) וואס האבן פארלאנגט צו קענען אינטערוויניר'ן אין די קעיס, אז דאן וועט אויך פארקומען די הירינג איבער די נייע סטעיט פארלאנג צו ארויסווארפן די גאנצע קעיס. ■

# פתגמין קדישין

איבער דעם מצב וואו מיר געפונען זיך!

## גלייבן מער ווי מ'זעהט

די יסוד פון א איד איז צו גלייבן בקבלה פון אונזערע עלטערן און ארויף, נאר מיטן כח האמונה, מער ווי מ'זעהט בחוש מיט די אויגן און מער ווי מ'פארשטייט מיטן שכל, און דאס לערנט מען אויס פאר א קינד תיכף ביים אנפאנג לערנען מיט דעם וואס מ'לערנט אים אויס א' ב' תיכף מיט די מילוי וואס מ'זעהט נישט אים צוצוגעוואוינען צו גלייבן אפילו זאכן וואס מ'זעהט נישט מיט די אויג.

(ייטב לב)

## אן קיין פשרות

זיי האבן זיך געקענט אפרייסן אינגאנצן, נו ווען מ'גייט איין אין א שטיקל פשרה און מ'גלייכט זיך, אביסל נאכלאזן פון דער ע"ז און אביסל נישט, העטן זיי שוין געווען איינגעאנגן, משה רבינו איז אבער געווען דער וואס האט נישט געוואלט מאכן קיין פשרה, ער האט נישט געוואלט אריינגיין אין קיין פשרות, ...און זיי האבן געזען אז ער האט עפעס א דרך ער וויל נישט מאכן קיין פשרות, און דעס האבן זיי נישט געוואלט צוהערן, דעס איז זיי נישט איינגעאנגן.

## ווער גייט מיט ענק? וועמען טוט עטס פארטרעטן?

נו געגאנגן איז אחד מחמשה, ס'איז גאר דא א דיעה אין די גמרא צוויי פון שישים ריבוא...ה אט פרעה גע'טענה'ט וואס ווילטס עטס האבן, ווער גייט דען מיט ענק, לאמיר זעהן 'מי ומי ההולכים' ווער זענען זיי דאס, אז ס'איז יא אזא קליינע מיניריאטעט וואס גייען מיט ענקער עצה, ווער זענען זיי, וואס קומטס עטץ דא פארטרעטן, וועמען קומט עטץ דא פארטרעטן, ווער זענען זיי, ווער גייט מיט ענק, ס'איז דאך אזא קליינער מיניריאטעט, אפילו כ'וועל שוין זאגן אחד מחמשה, ווערט מען בטל, און גאר צוויי פון שישים רבוא נאך, האט ער אנגעקוקט אזא געשטעל, האט ער געפרעגט א קשיא, ער זאגט נישט ווער ס'וועט גיין, נאר מי ומי 'ההולכים', ווער גייט דאס טאקע איצט, לאמיר זעהן אחרי רבים להטות, לאמיר זעהן וויאזוי מ'זעמיר אויס אין כלל ישראל, ווער זענען דאס די גייערס מיט ענק.

## יודישקייט קען נישט זיין אנדערש

משה רבינו האט געענטפערט מ'האמיר נישט קיין התבטלות פאר יודישקייט, ס'וועט קומען א ניי דור, אונז וועלמיר זיך אויפשטעלן א דור וועט זיין 'נלך' אונז וועל מיר גיין, אפילו דו קוקטס אונז אהן, דו פרעגסט מיך אויף דעם ההולכים, אבער אונז וועלמיר גיין, יודישקייט קען אנדערש נישט זיין, מ'האף מיר אז דער אייבישטער וועט העלפן ס'זאל זיין דעם התגלות וועט אפירקומען, האף מיר אז ס'וועט אלעס נאך צוריק קומען מיט דעם.

## ווער עס האלט נאכנישט דערביי

...עס ליגט א פליכט אויף יעדן איד, אפילו איינער איז שוין נישט ביי דער בחינה, די בנערינו, אז מ'קען זיי נישט מאכן אויפאמאל, ער קען זיך נישט ענדערן, ער קען זיך נישט משנה זיין, עכ"פ איז אויף אים א פליכט, אפילו אז ער קאן זיינע קינדער נאכנישט משנה זיין אינגאנצן אויפאמאל אויף דעם נוסח, ליגט א פליכט אז מ'זאל שטיצן אזא גאטונג חינוך אז דאס זאל עקזעסטירן בעולם....

(רביה"ק מסאטמאר זי"ע א' בא תשי"ח)

## פשרות איז די גרעסטע נסיונות

....נו ביי דער מכה [ארבה] איז געבוירן געווארן עפעס א נייעס, ביז היצט האט ער [פרעה] נישט געוואלט הערן גארנישט, און נאך דער התראה פון די מכת ארבה האט ער שוין געוואלט מאכן א פשר, מי ומי ההולכים, כ'וועל דיר עפעס געבן, מ'וועלמיר זיך פארגלייכן אויף עפעס פראצענט, איך וועל מיר אראפנעמען פראצענט, און עפעס וועל איך דיר געבן און עפעס מיר, מ'וועט זיך אויסגלייכן.

## האט משה רבינו געציטערט, איי ווייי געוואלד ער וועט אנהייבן פשרות, מ'קען נאך חלילה ארייינפאלן.

דער אייבירשטער האט אבער געהאלפן אז די פשרה איז געווען כאשר אשלח אתכם ואת "טפכם", די קינדער האט ער געוואלט האבן, אז ער וויל האלטן די קינדער, ער וויל געבן אן ערציאונג פאר קינדער, 'ער וועט גאר אויסהאלטן די קינדער' האט ער געזאגט, האט ער געשריגן אשלח אתכם "ואת טפכם", דעם חינוך הבנים, האט מען געוויסט אז דארט האבן זיך שוין יודען נישט געפאפט [לעשות פשרה. ומתחלה נתיירא משרע"ה] ווארן יודען וועלן שרייען געוואלד ער (פרעה) וויל זיך פארגלייכן לאמיר זיך גלייכן, .. וויאזוי,

## אז ער וויל זיך שוין אויסגלייכן, פאר דעם האט ער זייער געציטערט.

האט עהם דער בוכ"ע געזאגט כי אני הכבדתי את לבו, איך וועל מיך מיט עהם אן עצה געבן, איך וועל עהם ארייינשיקן אזאלעכע פשרות אז יודען זאלן זעהן אז ס'איז גארנישט, ס'האט גענוצט פאר יענעם דור, היינט נוצט גארנישט, וואס פאר א מין פשרה מ'קען מסמא עינים זיין, אז ס'האט נאר דעם נאמען "פשרה" ווערט מען שוין געכאפט און מ'ווערט שוין מיטגעריסן און מ'פאלט אריין.

(דברות קודש ס"ג בא שנת תשי"ט לפ"ק)

....משה רבינו האט דא מורא געהאט צו גיין, ער (פרעה) האט אנגעהויבן אנצוטראגן פשרות, אזוי ווי איך האב געזאגט דיא וואך (ס"ג הנ"ל) ער האט אנגעהויבן צו זאגן מי ומי ההולכים, עפעס וועל איך יא שיקן נאר נישט יעדן, איז שוין א פשר, דארט קאן מען ארייינגעכאפט ווערן, ווילאנג ער האט געזאגט ער וויל גארנישט קיין יודישקייט, דעמאלץ שטעלט מען זיך, און אן ערליכער יוד פאלט נישט אזוי אריין, **אבער אז מ'הייבט אהן צו מאכן פשרות דאס איז די גרעסטע נסיונות, האט משה רבינו מורא געהאט צו גיין צו עהם**, דער בוכ"ע האט געזאגט ניין זאלסט זיך נישט פארכטן "כי אני הכבדתי את לבו", איך האב דאס למען שיתי אותותי אלה בקרבו, און ס'וועט נישט קומען דערצו, ער וועט נישט מאכן קיין פשרות ס'וועט נישט זיין גארנישט דערפון, ער וועט נישט קאנען זיך האלטן דערביי, פאר עהם איז עס נאר אן הכבדת הלב, אבער ס'איז אלעס שקר אלעס ליגנט.

(דברות קודש מדרוש באסיפת התאחה"ר א' בא שנת תשי"ט)